UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Di Rol Fun Am-Orotsim Farn Kiyum Fun Folk (The Role of Ignoramuses in the Existence of the Folk)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/80x0d158

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

Author
Golomb, Avrum (Abraham)

Publication Date
1979

Copyright Information
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

אברהם גאָלאָמב

# די ראָל פון עם־ארצים פאַרן קיום פון פאָלק

## א. דער באַגריף „עם ארץ"

דער אויסדרוק „עם ארץ" איז זייער אַן אַלטער. שוין דער ערשטער ייד אָט צו טאָן מיט דעם „עם ארץ". אין תנ"ך פון בראשית ביז דברי הימים האָט דאָס וואָרט דעם באַטייט פשוט דאָס „פאָלק פון לאַנד", די שטענדיקע איינוווינערס, די אַלטגעזעסענע. ערשט אין דער גמרא קומט דאָס וואָרט אין דעם באַטייט וואָס מיר האָבן אויך היינט — עם ארץ אין קעגנזאַץ צום וואָרט „חכם". עס איז געווען אַ וואָרט אין באַנוץ, אָבער אָן אַ קלאָרער דעפיניציע. פרעגט אַ גמרא: איזהו עם הארץ? (סוטה כב, א). עס איז געווען אַ האַס פון תלמידי חכמים צו דעם עם הארץ, און פאַרקערט. און אַזוי איז עס געבליבן ביז היינט. עם ארץ איז אויך אַ זידל־וואָרט. מיר נוצן דאָ דאָס וואָרט צו באַצייכענען מענטשן וואָס לעבן געטריי לויט די טראַדיציעס, אָבער קיין תורה האָבן זיי ניט, זיי זיינען ניט באַקאַנט מיט די „שוואַרצע פינטעלעך", אָבער היטן געטריי אַלע יידישע מנהגים און פירונגען.

עס איז פאַראַן אַ ד ר ך־א ר ץ פון עם הארץ צום תלמיד חכם, הגם עס טרעפט זיך אויך אַ ביטול, אָבער דאָס איז אַ סך זעלטענער. אין שטעטל פלעגט זיך ניט זעלטן אויך טרעפן אַז די „הינטער די בימה־לייט" (דער הויפּט־אָרט פון עם־ארצים) פלעגן וואַרפן אַ „פעקל" (אַ צונויפגעדרייטן האַנטוך) צו דעם „אויבן־אָן". אָבער אין דעם איז געווען ניט ווייניק קינאה פון די עם־ארצים צו די „באַנקקוועטשערס" וואָס זיצן צו פיל איבער דער גמרא.

עס איז אין שטעטל ניט געווען דער אַנטאַגאָניזם צווישן תלמיד חכם און עם־ארצים, וואָס איז פאַראַן אין תלמוד*) וועלן מיר גלייך זאָגן אַז די ראָל פון עם־ארצים פאַרן קיום פון פאָלק איז זייער גרויס. אפילואין תלמוד, וואָס בדרך כלל איז ניטאָ קיין דרך־ארץ פאַר די עם־ארצים, פון דעסטוועגן איז דאָ אויך אַ מאמר: „הזהרו בבני עמי־הארץ שמהם תצא תורה" (סנהדרין) — זייט פאָרזיכטיק מיט די קינדער פון עם־ארצים, ווייל פון זיי קומט אַרויס תורה. אין דעם מאמר איז פאַראַן אַ גרויסער אמת. בכלל האָבן דאָך חז"ל זייער אָפט אַרויסגעזאָגט גרויסע אידעען אין קורצע זאַצן. אַזוי איז אויך דער זאַץ: איטלעך פאָלק ווערט געבאָרן ניט פון טעאָריעס, ניט פון אידעען, נאָר פון פאַרזיכיקן, באַזונדערן שטייגער. אַ פאָלק ווערט געבאָרן אַזוי ווי אַ יחיד, אָן וויסן, אָן טעאָריעס. גייסטיק אַזוי אָרעם ווי פיזיש. ביסלעכווייז וואַקסט זיין שפּראַך, זיין קולטור, זיין באַוווסטזיין פון זיין פאַרזיכיקייט.

פאָלק איז שטייגער און שטייגער איז פאָלק. כל זמן יידן האָבן געלעבט לויט זייערן אַ באַזונדערן שטייגער איז ניט געווען קיין שום סכנה פאַרן קיום פון פאָלק. די סכנה איז אויפגעקומען ערשט אין אורבאַניזם, ווען יידן האָבן אין צוזאַמענלעבן מיט אַנדערע פעלקער פאַרלאָרן זייער אייגענעם באַזונדערן שטייגער. ביי יידן איז דער גאַנצער שטייגער געווען פאַרהייליקט ווי די רעליגיע. האָט זיך דער שטייגער געהאַלטן, האָט דאָס פאָלק געלעבט, אין צרות, אין פלאָגן, אָבער געלעבט, דאָך געלעבט! דאָס פאָלק איז ניט איינהייטלעך, פאַרשיידענע טיילן אין פאָלק. וואָסער שיכט אין פאָלק האָט מער צושטייער געגעבן צום קיום פון פאָלק ?

---

*) די טאָפּל־ווערטער ווי עם הארץ, תלמיד חכם, ספר תורה וכדומה האָבן אין יידיש אַן אַנדער פאָרם פון מערצאָל ווי אין העברעיש. אין העברעיש קומט די מערצאָל פאָרם צום ערשטן וואָרט: עמי־ארץ, ספרי־תורה. אין יידיש קומט קומט די מערצאָל פאָרם צום צווייטן וואָרט — עם־ארצים, ספר תורות, וכדומה. אין העברעיש—בעלי בית און אין יידיש בעלי־בתים.

דאָס איז די פראַגע וואָס איך וויל דאָ באַהאַנדלען אין דער אַרבעט.

* * * * * *

דאָס ייִדישע פאָלק איז פון די עלטסטע. דער שטייגער, די פירונגען פון פאָלק זיינען ניט איין מאָל פאָרמולירט געוואָרן ווי מצוות, ווי אָנגעזאָגט פון גאָט: „ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם". די פירונגען זיינען מצוות, אָנגעזאָגט פון גאָט ברוך הוא. עס איז ניט דער שטייגער פון פאָלק, נאָר דער אָנזאָג פון גאָט. צייטן האָבן זיך געביטן, פירונגען האָבן זיך געביטן. זיינען זיי נייע און אַנדערע פאַרזאָגן פון דעם ייִדישן גאָט, אָדער פשוט אַ תולדה פון די נייע באַדינגונגען? ייִדן זיינען געוועזן אין פיל גלותן. באַדינגונגען אַנדערע. זיינען זיי געטלעכע אָדער קעגן דעם רצון פון גאָט? אין אַנדערע באַדינגונגען האָט זיך געשאַפן די תורת משה און גאָר אין אַנדערע באַדינגונגען האָט זיך געשאַפן דער שטייגער פון דער גמרא־צייט. דאָס זעלביקע פאָלק אין נייע באַדינגונגען. נייע באַדינגונגען און דאָס אַלטע פאָלק. דאָס אַלטע פאָלק אין נייע פאָרמען. צייטן בייטן זיך און דאָס פאָלק — דאָס זעלביקע.

פאַר אונדז דאָ איז וויכטיק דער אונטערשייד אין די צוויי פאַרשטעלונגען: איז דער גלות אַן אָפּצאָל פאַר די זינד אָדער דער גלות איז אַ תולדה, אַ פראָדוקט פון דעם ייִדישן אויפפיר דירעקט; ניט גאָט איז שולדיק, ניט ער שטראָפט די ייִדן מיט דעם גלות, נאָר דער גלות איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער ייִדישער פסיכיק, פון דעם ייִדישן אויפפיר — אַ שטראָף אָדער אַ תולדה, אַ רעזולטאַט? די פראַגע איז פאַר אונדז ניט סתם אַ ריין טעאָרעטישע. עס איז פאַר אונדז וויכטיק היינט ווי אַ מאָל. צי זיינען די פאַקטאָרן וואָס פראָדוצירן דעם גלות פאַראַן אויך איצט, אָדער זיינען געוועזן און מער ניטאָ? אָט למשל:

מיט אומגעהויערע שווערקייטן, אָן אַ צאָל קרבנות איז סוף כל סוף געוואָרן אַ ייִדישע מדינה, וואָס שפילט איצט אַ צענטראַלע ראָל אין לעבן פון גאַנצן ייִדישן פאָלק אין דער וועלט בכלל. אַ פאָלק האָט זיך אָנגעשטרענגט און געבראַכט אַ מדינה.

אַ פאָלק שטרענגט זיך אָן זי אויפצוהאַלטן. אָבער צי זיינען אין לעבן פון דער מדינה ניטאָ קיין פאַקטאָרן, קיין פראַקטישע פירונגען וואָס פירן שוין היינט באַצייטנס צום חורבן? שאַפן ניט ייִדן אַליין קיין פאַקטן וואָס קענען חרוב מאַכן, חלילה, די גאַנצע מדינה מיט אַלע אַלע אירע אויפטוען? אוי, זיינען דאָ און שטעלן בפירוש אין סכנה דעם קיום פון דער יונגער מדינה! זיינען געווען, קען זיין, פון אָנהייב אָן, און זיי זיינען דאָ ביז איצט, און זיי ווערן שטאַרקער און מערער, און גאָט ווייסט צו וואָסט זיי קענען דערפירן. מען רעדט שוין אָפן וועגן דרויסנדיקע סכנות און וועגן אינעווייניקסטע סכנות, אין יישוב גופא, אין דער פסיכיק און אין אויפפיר.

און גייען מיר אַ טראָט ווייטער, אין דער געשיכטע אַריין — צי איז דער חורבן פון דער מדינה פאַרצייטן געווען בלויז אַ דרויסנדיקער פאַקט אָדער די פירונגען פון ייִדישן פאָלק גופא האָבן געפירט צום חורבן? פאַמעלעך אָבער דירעקט צום אָפשאַפונג און חורבן? צי איז דער אויפקום פון צווייטן בית אַ פראָדוקט בלויז פון פאָליטישע און אַנדערע פאַקטאָרן, אָדער דאָ האָבן געווירקט שטאַרק דער ווילן און די אָנשטרענגונגען פון ייִדישן פאָלק, זיין פסיכיק און באַוווסטזיין? און אויב יאָ, איז וואָסערע ייִדן האָבן אויפגעבויט דעם צווייטן בית? די ייִדן פון ארץ ישראל אָדער די ייִדן פון גלות? און ווייטער, צי איז דער חורבן פון צווייטן בית אַ תולדה בלויז פון רוים? די שטאַרקע און מעכטיקע רוים האָט זיך אָנגעזעצט אויף דער שוואַכער יהודה און האָט זי אומגעבראַכט? אָבער אין פאָלק ישראל גופא, אין זיין פסיכיק און אויפפיר זיינען געווען צעשטערנדיקע פאַקטאָרן וואָס האָבן געבראַכט דעם חורבן און רוים מיט איר מיליטער איז געווען בלויז דער לעצטער אַקט פון חורבן?

און גייען מיר ווייטער: פאַרוואָס ציט זיך דער גלות אַזוי לאַנג? ניט שוין־זשע איז ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט, קיין שום געלעגנהייט אויפצובויען אַ יישוב, אַ פאַרזיכיקן, אַ נייען, אָן גלות? צי איז דער גלות, די גאולה, טאַקע אומ־

באַדינגט פֿאַרבונדן מיט ארץ ישראל און קיין שום אַנדער לאַנד איז ניט מסוגל, ניט פֿעאיק צו שאַפֿן די גאולה? האָבן יידן קיין מאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו שאַפֿן אַ צווייטע ארץ ישראל? האָט דאָך די ערשטע ארץ ישראל ניט באַשאַפֿן דאָס פֿאָלק ישראל נאָר פֿאַרקערט — דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרנומען אַ שטיקל לאַנד (ווייט ניט דאָס בעסטע) און פֿון דעם באַשאַפֿן „דאָס הייליקע לאַנד". האָט דאָס ניט געקענט זיין אַ צווייט מאָל? איז דאָך ירושלים אַליין געווען אַ יבוסי שטאָט, וואָס דוד האָט זי צוגענומען פֿון די ערשטע בעלי־בתים.

מיט איין וואָרט, מיר קומען דאָ צו דער אַלגעמיינער פּראָבלעם אין געשיכטע: צי איז אַ מענטש, אַ פֿאָלק, נאָר אַ פּראָדוקט פֿון די דרויסנדיקע פֿאַקטאָרן, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, וכדומה, אָדער די געשיכטע פֿון יידן אָדער פֿון אַ כלל, פֿון אַ פֿאָלק איז אַליין אַ פֿאַקטאָר פֿון זיין געשיכטע? צי דאַרפֿן מיר זוכן תמיד אין געשיכטע די סאָציאַלע, אָדער פּאָליטישע, אָדער מאַטעריעלע באַדינגונגען, ווייל זיי און נאָר זיי ברענגען די גאַנצע געשיכטע? אָדער די הויפּט־פֿאַקטאָרן פֿון די געשיכטלעכע פּראָצעסן ליגן אין די מענטשן גופֿא, אין די פֿעלקער גופֿא, אין זייער פּסיכיק און אין זייער כאַראַקטער? דערציילט דאָך די גמרא נאָך אַז דער חורבן איז געקומען פֿון קליינינקע זאַכן, צוליב אַ האָן מיט אַ הון, וכדומה.

וועל איך דאָ זיך ניט אַריינלאָזן אין ריין אַלגעמיינע פּלוגתות וועגן די פֿאַקטאָרן פֿון געשיכטע. איך וועל זיך באַגרענעצן צו מיין דירעקטער טעמע — דאָס יידישע פֿאָלק און זיינע גורלות. איך זע פֿאַקטן, למשל: איינציייטיק איז געגאַנגען קיין קאַנאַדע אַן אימיגראַציע פֿון די זעלביקע לענדער — יידן און אוקראַינער, שכנים, אין די זעלביקע באַדינגונגען. און אַנדערש איז אַוועק די איינאָרדענונג פֿון די צוויי פֿעלקער אין דעם נייעם לאַנד, אין די זעלבע באַדינגונגען.

* * * * *

מיר האָבן געקראָגן צוויי תורות — די תורת משה, אָדער ווי זיי האָבן דאָס גערופֿן — מדאורייתא (אורייתא איז תורה, אגב האָט זייער פֿאַרצייטיקער יידיש־אַראַמעיש פֿאַרמאָגט אַ סך ווייניקער העברעישע ווערטער ווי אונדזער הייַנטיקער יידיש אונדזער יידיש איז אַ סך נענטער צו העברעיש ווי דער יידיש פֿון די חז"ל) און די צווייטע תורה מדרבנן, פֿון אונדזערע געלערנטע. עס ווערן גענוצט נאָך אויסדרוקן — תורה שבכתב און תורה שבעל־פּה. תורת משה איז לכתחילה געגעבן געוואָרן בכתב און די מדרבנן איז נאָך ניט געווען פֿאַרשריבן. זי איז אָבער ניט ווייניקער געטלעך, זי איז בעל־פּה ווייל אַזוי איז זי געגעבן געוואָרן, אויסנווייניק, און דער נאָמען „בעל־פּה" איז געבליבן אויך שפּעטער ווען די גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור איז שוין געווען פֿאַרשריבן.

## וואָסער תורה איז וויכטיקער?

די תורה שבכתב האָט געהאַט ביי די חז"ל נאָך אַ נאָמען — מ ק ר א, דער טייטש־לעקטור, צום לייענען. עטלעכע מאָל איז פֿאַראַן אין ש"ס אַז פֿאַרן לערנען מ ק ר א — דעם תנ"ך הייסט עס — צאָלט ניט גאָט דעם לערנער, אָדער דער שכר איז זייער אַ קליינער. מיר מעגן דאָס אויפֿנעמען אַז פֿאַרן קיום האומה האָט די תורת משה אַ קנאַפּן ווערט. ניט דער הייליקער ספֿר היט דעם קיום פֿון פֿאָלק נאָר פֿאַרקערט, דאָס לעבעדיקע יידיש פֿאָלק נעמט אַריין אין זיין יידישן שטייגער אויך די תורת משה. אַ צווייטע גמרא זאָגט עס נאָך קלערער, אָפֿענער. (די חז"ל האָבן זייער אָפֿט אַרויסגעזאָגט טיפֿע אידעען אין קורצע זאַצן און מיר דאַרפֿן עס פֿאַרברייטערן און פֿאַרשטיין זייער מיין). אָט איז דער מאמר: רבי יוחנן זאָגט: „לא כרת הקדוש ברוך הוא ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה" (גטין ס"ד). דער גאַנצער אָפּמאַך פֿון גאָט מיט זיין יידיש פֿאָלק איז נאָר צוליב דער ניט פֿאַרשריבענער תורה, צוליב זאַכן וואָס זיינען ניט פֿאַרשריבן. מיט אַנדערע ווערטער: דער קיום פֿון יידישן פֿאָלק איז ניט אין דער פֿאַרשריבענער תורה, אין דער תורת משה, נייערט אין דער ניט פֿאַרשריבענער תורה, אין דער וואָס „בעל פּה".

און געדרעכט איז רבי יוחנן! מיר איצט האַלטן אויך אַזוי: קיינע שיינע, פּראַקטיקע און הייליקע ספרים קענען ניט אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק, נייערט אַ פאָלק וואָס היט זיין אייגענעם שטייגער — צי יאָ פאַרשריבן צי ניט פאַרשריבן — נאָר אַזאַ פאָלק האָט זיין קיום און עס קען אַזאַ פאָלק אויך אײַנהיטן זיינע פאַרהייליקטע שריפטן. בכן איז די תורה שבעל־פה וויכטיקער ווי די תורה שבכתב.

דאָ קען מען אײַנזען אַ גאַנצע ענדערונג אין וועלט־באַנעם פון יידן: ביז די חז״ל אַז דאָס פאָלק פירט זיך ניט אַזוי ווי עס איז פאַרשריבן, ווייננט דער קייסער, וויינט דאָס פאָלק ווען עזרא לייענט פאַר אים די תורה. דאָס פאָלק דאַרף זיך פירן ווי עס איז פאַרשריבן. ווען ניט — זינדיקט דאָס פאָלק. ביי די חז״ל אָבער — די פירונג, דער שטייגער פון פאָלק איז אויך געטלעך, הייליק. איי עס שטימט ניט מיט דעם וואָס עס איז פאַרשריבן, מאַכט עס ניט אויס. עס איז אויך פון גאָט, געטלעך. אויב פון פאָלק איז עס ווי פון גאָט, זאָגט עס בפירוש אַ גמרא: אויב עס וועט קומען אליהו הנביא און ער וועט זאָגן אַז חליצה דאַרף מען פירן אויף איין שטייגער, דאַרף מען אים ניט פאָלגן, ווייל דאָס פאָלק פירט זיך שוין אַנדערש (יבמות). די פירונג פון פאָלק איז וויכטיקער ווי דאָס וואָס עס ברענגט אליהו דאָך פון הימל, פון גאָט אַליין.

אַזאַ באַציונג צום פאָלק און צו זיין פירונג איז פריער ניט געווען. האָבן די נביאים ניט געהאַט גענוג זידל־ווערטער אויף דעם חשבון פון יידן, פון יידישן פאָלק, האָבן אָבער די חז״ל דאָס זעלביקע פאָלק און זיין אויפפיר פאַרגעטערט. איז דער אויפפיר פון פאָלק הייליקער ווי דער אָנזאָג פון אליהו הנביא.

מען קומט צו היללן פרעגן אַ דין ווי מען דאַרף זיך פירן. וואָלט אַזאַ פראַגע געווען אין דער תנ״ך־צייט וואָלט דער ענטפער געווען — פון גאָט, ווי גאָט הייסט. אָבער הילל ענטפערט אַנדערש: „פוק חזי" גייט און זעט ווי דאָס פאָלק פירט זיך און טוט אַזוי. אַזאַ באַציונג צום פאָלק און צו זיין אויפפיר איז פריער ניט געווען. ווען ניט אַזאַ באַציונג וואָלט דער גאַנצער תלמוד ניט געקענט זיין. נאָך מער, עס וואָלט ניט געווען דאָס יידישע פאָלק אין גאַנצן. משה האָט געחלומט „מי יתן והיה כל עם ה' נביאים". זאָגט הילל מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער: „אם לא נביאים הם", אויב אפילו יידן זיינען ניט קיין נביאים, זיינען זיי אָבער „בני נביאים", קינדער פון נביאים. אַזאַ אויסדרוק וואָלט ביי די נביאים ניט געקענט זיין, בשום אופן ניט. דער גאַנצער תלמוד איז אַ תולדה פון דער געענדערטער באַציונג צום פאָלק.

אַזוי איז דאָס געווען די אַרבעט פון די חז״ל: אוניפיצירן, פאַראייניהייטלעכן דעם גאַנצן יידישן שטייגער און פעסטשטעלן די פאַרבינדונג פון דעם לעבעדיקן, אַקטועלן שטייגער אין לעבעדיקן פאָלק מיט דער פאַרגאַנגענהייט. יעדער דין, יעדער מנהג, יעדער שטייגער היינט שטאַמט פון עפּעס וואָס איז געווען נעכטן. ווי־זשע איז דאָס היינטיקע אויסגעוואַקסן פון דעם נעכטיקן? דאָס יידישע פאָלק איז שוין אין זייערע צייטן געווען אַ „ישראל סבא", דער גרייז־גראָער ישראל... זיין יידישקייט באַשטייט אין שטייגער. די עלעמענטן פון שטייגער האָבן זייער אַנטוויקלונג. דער היינט האָט אַן אָפּשטאַם פון די נעכטנס. יידישקייט איז ניט קיין רעליגיע פון עיקרים, פון פרינציפּן, וואָס מען דאַרף אָננעמען און האַלטן פון זיי. ניטאָ קיין „אני מאמין" אין תלמוד. דאָס האָט געוואָלט אײַנשטעלן אַ צייט שפּעטער דער רמב״ם; וועגן דעם האָבן פילאָסאָפירט יידישע דענקערס אין מיטלאַלטער. די חז״ל אין זייער צייט האָבן זיך מיט דעם לגמרי ניט פאַרנומען. פאַר זיי איז געשטאַנען די פּראָבלעם פון יידישן פאַרזיכיקן שטייגער און מער ניט. האָט זיך דער פאַרזיכיקער אייגענער שטייגער געהאַלטן פעסט כל זמן יידן האָבן געלעבט אין פאַרזיכיקע שטעטלעך. אַ לאַנגע תקופה אין דער יידישער געשיכטע — די תלמודיש־שטעטלשע תקופה.

ניט דיסקוטירנדיק, ניט זוכנדיק קיינע פרינציפּן האָבן זיי דאָך געהאַט זייער מיינונג וועגן זייערע פרינציפּן, די יסודות פון זייער אמונה. און די אמונה האָט געהאַט אירע יסודות:

א.—יידישע תורה איז אַ טאָפּעלע, צוויי זיינען זיי די יידישע תורות. די תורה אָדער יידישקייט, ווי זי איז פאַרשריבן אין דער תורת משה. דאָס איז די תורה שבכתב. און די צווייטע איז די תורה, אָדער די יידישקייט וואָס איז אין שטייגער.

ב.—ביידע זיינע פון גאָט. קוים פירט זיך אַזוי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, איז עס אַ סימן מובהק פון יידישן פאָלק, וואָס שיידט אים אויס און טיילט אים אָפּ פון אַלע אַנדערע פעלקער. איז עס פון גאָט, פון דעם יידישן גאָט, איז עס קודש בקדושת הפאָלק. איז יידישקייט אָדער פון דער תורת משה אויף זייער דאמאָלטדיקן יידיש מדאורייתא (פון דער תורה) און מדרבנן — פון אונדזערע לערערס. אָבער די רבנן האָבן קיין זאַך ניט גענומען פון זיך, ניט אויסגעטראַכט. זיי האָבן נאָר פאָרמולירט דאָס וואָס איז געווען אין שטייגער פון פאָלק. במקום מדרבנן וואָלט מען געקענט שטעלן — פון שטייגער.

דאָס וואָרט געטלעך מעגן מיר פאַרשטיין ניט אַנטראָפּאָמאָרפיש — גאָט האָט עס אָנגעשריבן און געגעבן די יידן, דערלאַנגט זיי פון האַנט אין האַנט. עס קען זיין געטלעך אויך ווי מיר זאָגן היינט „דערהויבן", „גרויסאַרטיק"; דאָס מענטשלעך־העכסטע — דאָס איז געטלעך. האָט זיך די יידישקייט געהאַלטן ביז עס איז געקומען דער אורבאַניזם. אין אייראָפּע פריער און אין מזרח־אייראָפּע מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער, אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דער אורבאַניזם האָט אויסגעמישט די יידן מיט אַנדערע באַוווינערס פון די גרויסע שטעט. די יידן האָבן פאַרלאָרן זייער מאָניזם. די אַטמאָספער איז שוין ניט געווען מער קיין דורכויס יידישע. די גאַס איז שוין מער ניט געווען קיין יידישע בלויז ווי עס איז געווען אין שטעטל; די שפּראַך פון גאַס, פון שול און אָפט אפילו פון דער היים, איז שוין ניט געווען דורכויס יידיש; די גאַס ווי אַזאַ האָט שוין ניט מיטגעמאַכט דעם שבת־קודש; די גאַס האָט שוין מער ניט מיטגעמאַכט מיט די יידישע ימים־טובים. און אָפט האָט עס די שול ניט געיום־טובט. דאָס ערשטע מאָל אין דער גאַנצער לאַנגער יידישער געשיכטע האָט דאָס יידישע קינד גע־דאַרפט מען זאָל עס לערנען און צוגעוווינען, איינטרעניִרן אין יידישן שטייגער. ביז דעם אורבאַניזם האָט מען אַ יידיש קינד ניט גערדאַרפט איינשטודירן קיין יידישקייט. דער שטייגער האָט עס געטאָן אַליין. דער שטייגער פון גאַנצן אַרום. אין שטעטל זיינען די עם־ארצים געווען יידן, עם־ארצישע יידן, אָבער יידן זיינען זיי געווען במילא. אין אורבאַניזם אָבער זיינען ניט געלערנטע יידן ניט קיין יידישע במילא עם־ארצים, נאָר זיי זיינען ניט קיין יידן. זיי זיינען יידן לויטן אָפּשטאַם, לויט דער דעפיניציע פון נאַציזם, זיי זיינען אָבער לגמרי ניט קיין יידן לויט זייער שטייגער, לויט זייער אויפפיר. יידן אָן יידישקייט. ניט קיין עם־ארצישע יידן נאָר ביאָלאָגישע יידן, דערצויגן און געהאָדעוועט אין אַ קולטור פון אַ צווייטן פאָלק. אָט דער טיפּ אויסגעיידישטע יידן איז היינט אפשר די מערהייט יידן.

אויף נאָך איין אייגנשאַפט פון שטעטל דאַרף מען דאָ אָנווייזן. שכנים האָבן יידן געהאַט — פויערים אין דאָרף און פריצים אין די הייפן. די קינדער זייערע ווייט. דער פויערים־דאָרף האָט ניט געקענט האָבן קיין שום השפעה אויף די יידן אין שטעטל. די פריצים — ווען האָט זיי דער ייד געזען?... שכנים אין שטח, און אין גייסט, אין שטייגער, אין פסיכיק — אומענדלעך ווייט. עס האָט גאָר ניט געקענט פאָרקומען קיין אַסימילאַציע. יעדער קלאַס מיט זיינע אינטערעסן. די אָרומיקע מאַטעריעלע וועלט האָט ניט פאַרנומען קיין אָרט ביי יידן. דער פריץ האָט זיינע גיטער, דער פויער—זיין כאַטע און פערד, און דער ייד— זיינע ספרים. ספרים זיינען דאָס געווען די איינציקע מאַטעריעלע רייכטימער פון יידן. ווער אין וואָס עס זעט זיין פאַרמעגן. האָבן יידן טאַקע דאָס רוב גרופירט זייערע געדאַנקען לויט די סדרות פון די וואָכן, ווי זיי זיינען געווען געוווינט. די גאַנצע גייסטיקע וועלט איז געווען אַן אייגענע, אָן השפעה פון פרעמדע. ניט בלויז די אַרויסזאָגונגען, נאָר

אויך די געדאַנקען זיינען געווען אָרגאַניש אייגענע, אָן פרעמדע השפעות. און דאָס דווקא איז וויכטיקער: די אָרגאַנישע אייגנקייט פון די געדאַנקען. די פרעמדע שפּראַך ברענגט במילא אויך צו פרעמדע געדאַנקען. דאָס איז ערגער, און אַט די סכנה דראָט אונדז איצט. ניט אומזיסט זאָגט ערגעץ ד״ר ראַבּידאָוויץ, אַז די פרעמדע שפּראַך פרעמדט אָפּ די געדאַנקען.

## דאָס וואָרט עם־ארץ

דאָס וואָרט עם־ארץ האָט זיין אינטערעסאַנטע געשיכטע. די תורה איז מער געווען באַקאַנט אין גלות בבל ווי אין ארץ ישראל. דאָ איז אויפגעקומען דער קלאַס „סופרים”. די געקומענע פון בבל זיינען געווען מער אָפּגעהיט ווי די געבליבענע אין ארץ ישראל, וואָס האָבן זיך שטאַרק אַסימילירט. די געקומענע פון בבל האָבן זיך געהיט פון די יידן וואָס זיינען געבליבן אין לאַנד ישראל, פון די „עם־ארצים”. בכל אופן זיינען די געקומענע פון גלות געווען בעסערע יידן ווי די געבליבענע (נחמיה, צום סוף).

און אַזוי איז דער גאַנג פון יידישקייט:

1. — יידישקייט איז שטייגער. ניט מיט ספרים לעבט אַ פאָלק, נאָר מיט זיין שטייגער. שטייגער איז דער גאַנג, דער וועג אין לעבן און פון דעם דאָס וואָרט „הלכה”, דער גאַנג. איין פאָלק איז איין שטייגער, און איין שטייגער איז איין פאָלק. איין לאַנד איז איין פאָלק. און אַז דאָס לאַנד איז ניטאָ, איז דער שטייגער במקום לאַנד. מיטן איינשטעלן דעם איינהייטלעכן שטייגער, דעם גאַנג פון לעבן — אין דעם האָבן די חז״ל געזען די צוקונפט פון פאָלק. דאָס איז דער יסוד און סוד פון קיום. דערמיט פאַרנעמט זיך דער תלמוד און דאָס איז דער אינהאַלט כמעט פון גאַנצן תלמוד.

2. — די חז״ל האָבן איינגעשטעלט דעם איינהייטלעכן שטייגער. דער שטייגער באַשטייט פון דינים, מנהגים. איין דין, איין מינהג און איין הלכה. איין הלכה און איין פאָלק.

## פאַרקריפּלטע און פאַלשע באַגריפן וועגן גאָט

דערווייל הערשן ביי יידן אַזוינע ניט־יידישע באַגריפן וועגן אַ גאָט־פּערזאָן. מסתמא איז דאָס אונטער דער השפעה פון קריסטן. ביי זיי איז גאָט אַ פּערזאָן, מיט אַ משפחה, מיט אַ זון, ממש אַ „גאָט־זון”, און פרומע פרויען זיינען מקריב זייער פרויענשאַפט און זיי ווילן זיין בעסער „גאָטס כלות” וכדומה נאָך אַזוינע אַנטראָפּאָמאָרפישע פאָרשטעלונגען וועגן גאָט, וואָס זיינען ניט דערלאָזבאַר ביי יידן.

אמת, די גאָט־באַגריפן האָבן ביי יידן אויך דורכגעמאַכט אַ לאַנגע און ווייטע אַנטוויקלונג. פאַרשטייט זיך, אַז פון די באַגריפן וועגן דעם אַז גאָט שפּאַצירט „לרוח היום” און ער רעדט זיך דורך, שמועסט זיך דורך מיט די אָדער יענע מענטשן, ער גייט אַראָפּ כדי צו זען די זינד פון סדום און עמורה (בראשית י״ח 21) ביז די באַגריפן פון תלמוד איז זייער ווייט. לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע פון די מאמרים. קודם כל אַ מאמר אַז גאָטס כוח איז אָפּהענגיק פון יידישן פאָלק, וואָס מיר האָבן שוין געבראַכט אויבן. אָט איז דער מאמר: „מחמת די פוילקייט פון יידן צו היטן די תורה (יידישקייט) איז גאָט געוואָרן אָרעמער און ער איז אָרעם (תענית ב׳). „ווי די נשמה פילט אויס דעם גאַנצן גוף, אַזוי איז גאָט פול אין דער וועלט” (ברכות א׳). גאָט פרעגט ביים בית־דין של מטה ווען עס איז ראש השנה (ירושלמי ראש השנה פ״ח; דעם טעקסט גופא האָב איך ניט אונטער דער האַנט). זען אָבער אין בבלי (ראש השנה כ״ה א׳ אין דער משנה, אַזוי אויך ראש השנה כ״ט א׳). ווען יידן ווערן געטרייערע יידן, ווערן יידן שטאַרקער. ווידער אַ משנה. מען טאָר ניט צו פיל רימען גאָט (מגילה י״ח א׳, ניט אַנגעגעבן קיין סיבה. איך מיין ווייל עס איז ניט שייך צו לויבן דעם גייסט פון דער וועלט). נאָך מער איז עס אין מדרשים: „גאָט איז די האַרץ פון יידישן פאָלק” (איכה רבה, פתיחתא ט״ז). נאָך מער אין זוהר: „קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל אחד (אחרי ע״ג א׳; אמור צ״ג). בכלל איז אָבער בעסער זיך ניט צו פאַרנעמען

מיט די טעאָלאָגישע גאָט־פּראָבלעמען (מגילה יח א׳; חגיגא י״ג א׳).

ניטאָ אין תלמוד גאָט זאָל ריידן צו אַ מענטשן, העכסטנס אַ בת־קול. די תורה איז געשטעלט העכער פון גאָט. גאָט לערנט די תורה פון יידישן פאָלק. יידן פירן מיט גאָט מחלוקתן און חכמים פּסקנען. בקיצור, ניט גאָט הערשט נאָר די תורה. די תורה איז געשאַפן און ווערט כסדר געשאַפן פון יידן אָן אויפהער און גאָט לערנט די תורה פון זיין פאָלק. יידן גלייבן אָבער אין אַ פּערזענלעכן גאָט מיט מלאכים און נאָך אַ סך אַזוינע זאַכן (ווי עס שרייבט אין דער תפילה „ונתנה תוקף" דער מחבר... דאָס איז אַלץ זיכער די השפּעה פון די שכנישע פעלקער, און דאָס פאַרטונקלט די אמתע יידישע באַגריפן וועגן גאָט ווי וועגן דעם סכום געזעצן (גזרות) וואָס הערשן אין קאָסמאָס און און אין גאַנצן באַשאַף בכלל.

פּראַכטיק דער מדרש: „מביט בתורה ובורא את עולמו." אין וואָסער תורה? ניט דווקא וואָס ביי יידן. די תורה ביים באַשעפער איז אַ סך ברייטער און גרעסער. יידן האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט דער גאַנצער תורה פון גאָט. יידן האָבן געשאַפן די געטלעכע תורה בין אָדם לעמו, ניט דווקא בין אדם לחברו און אויך ניט „בין אדם לאלוהיו", נאָר איבערהויפּט בין אדם לעמו. די גריכן האָבן ניט געשאַפן אַזאַ „תורת הקיום" פאַר זייער פאָלק, און זייער פאָלק איז טאַקע אומגעקומען. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך קאָנצענטרירט נאָר אויף קיום האומה און זיי האָבן זייערס אויסגעפירט! יידן האָבן געציטערט פאַר „ספרים חיצוניים". דאָס זאָגט דער גרעסטער פון די תנאים, רבי עקיבא, אַז דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט ספרים חיצונים האָט ניט קיין עולם הבא. לויט אַ טיפערן זינען מיינט עס — ער טוט גאָר ניט פאַרן עולם הבא פון פאָלק, לימות המשיח. (ערשטע משנה אין פּרק).

## די יידישע שטעטלעך אין גלות

ווען ניט די יידישע שטעטלעך וואָלט מער ניט געווען קיין יידיש פאָלק אויף דער וועלט. אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן ווי אַ פאָלק, קומט אַלץ פון אָט די שטעטלעך, פון דער יידישקייט דאָרטן. שטעלט זיך אַ פראַגע: צי האָט די גייסטיק רייכסטע תקופה די שטעטל־תקופה, אַרויסגעבראַכט אין ווערטער אַלץ וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט אין געפילן? און דער ענטפער איז — קיין מאָל קען ניט געשען אַז עמיצער זאָל קענען אַלע זיינע געפילן אַרויסברענגען אין געדאַנקען און די געדאַנקען פורעמען אין ווערטער. דאָס קען ניט אַ יחיד און נאָך ווייניקער אַ פאָלק. די רייכסטע ליטעראַטור קען ניט אויסשעפּן די גאַנצע פאָלקישקייט וואָס איז בעל פּה. די קולטור וואָס איז די ניגלה איז אַלע מאָל אָרעמער פון דער קולטור שבניסתר. אונדזער שטעטל איז נאָך לגמרי ניט אויסגעשעפּט. מען רעדט און מען באַוויינט די זעקס מיליאָן אומגעקומענע יידן. נאָך ניט אויסגעקומען צו לייענען וועגן דעם פאַרשניטענעם גייסט פון פאָלק. און יירשען קען מען נאָר די קולטור שבכתב. דאָס פאַרוואַנדלען איבערלעבונגען אין שריפט און קונסט, דאָס איז דאָך דער אַרויפשטראָם פון קולטור, פון געפילן און געדאַנקען, פון בעל פּה אין שבכתב, פון ניסתר אין ניגלה. און נאָר דאָס קען איבערנעמען דער נייער דור, די נייע תקופה. זי פירט אָן און פירט דורך דעם אַראָפּשטראָם פון קולטור אַריינברענגען דעם גאַנצן געשאַפענעם קולטור־אוצר אין באַוווסטזיין פון נייעם יונגן דור.

אָט דער אַראָפּשטראָם איז ביי אונדז געשטערט, כמעט ווי ניטאָ אין גאַנצן. און אַ דור אָדער אַ תקופה וואָס יירשנט ניט די פריערדיקע, אַזאַ דור איז אַ ספק צי ער קען לעבן און צי ער קען ממשיך זיין דעם קיום פון פאָלק. אָט דאָ האַלטן מיר און דאָס איז איצט די זאָרג פון אַלע דענקענדיקע יידן.

קיין מאָל איז די סכנה ניט געווען ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט באַזונדער, אין גאַנצן אויטאָנאָם אין די פאַרזיכיקע אויטאָנאָמע שטעטלעך. איז דער אַראָפּשטראָם געווען געזיכערט. ניט אומזיסט האָבן חז״ל אַזוי פיל אַכט געלייגט אויף תלמוד תורה, און דאָס וואָרט תלמוד תורה האָט דאָך טאַקע געמיינט דעם אַראָפּשטראָם פון קולטור בכלל.

עס איז געווען דער גרויסער אַריינשטראָם פון ייִדן אין אַמעריקע, די גרויסע אימיגראַציע; גאַנצע שטעטלעך האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין לאַנד אַריין. די „לאַנדסמאַנשאַפטן" זייַנען דאָס דאָך געווען אַזוינע שטעטלעך אַריבערגעטראָגן אין אַ נייַע וועלט אַריין. עס וואָלט גרינג געקענט ווערן אַ המשך פון קולטור, די קולטור און די שטעטלעך אין די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט. עס וואָלט לגמרי ניט אוממעגלעך געווען ייִדן זאָלן אין אַמעריקע שאַפן אַ מערהייט אין אַ שטאַט, אַ ייִדישן שטאַט אין דעם צאָל שטאַטן אין אַמעריקע. עס איז לגמרי ניט קיין בטלנישער חלום אַזאַ מין מעגלעכקייט אין אַמעריקע. אויב דאָס איז ניט געשען איז עס נאָר ווייל ייִדן אַליין האָבן אפילו ניט געטראַכט פון דעם, ניט געחלומט, ניט געוואָלט קיין קאָנצענטראַציע פון ייִדן.

אַזוינע מעגלעכקייטן זייַנען געווען ניט איין מאָל אין דער געשיכטע פון ייִדישן גלות. נאָך מער, אין דעם אויפבוי פון אַ באַזונדערער, אין גאַנצן פאַרזיכיקער ארץ ישראל זייַנען אין אַ גרויסער מאָס שולדיק די אַראַבער: מען האָט זיך געמוזט באַשיצן קעגן דער בלוטיקער רציחה פון די אַראַבער. תל אביב איז געוואָרן אַ שטאָט פאַר זיך נאָך די פאָגראָמען אין 20טן און 29טן יאָר.

וועגן שאַפן פאַרזיכיקע ראַיאָנען אין אַמעריקאַנער שטעט ווערט לגמרי ניט געטראַכט. אָט אַזוי ווערט אונדז קלאָר: דער גאַנג און די אַנטוויקלונג פון גלות איז אין אַ גרויסער מאָס אַ תולדה פון ייִדישן גייסט, פון דער ייִדישער פסיכיק. די גאַנצע אייַנאָרדענונג פון ייִדן איז אַ פּראָדוקט פון דער ייִדישער פסיכיק. אָט די פסיכיק איז ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביז איצט ניט אין דער וויסנשאַפט, ניט אין דער קונסט. די ייִדישע פסיכיק איז אַ רעזולטאַט פון גלות און דער גלות איז אַ רעזולטאַט פון דער ייִדישער פסיכיק. דאָס איז נאָך ווייט ניט אויפגעקלערט. עס איז בפירוש ביי ייִדן אַ דראַנג צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט. דער דראַנג איז געווען אומעטום, אין תחום, אין דער אימיגראַציע, אומעטום. ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, זיך צעשיטן, צעשפּרייטן.

אַ נעגאַטיווע באַציונג ניט צום גלות ווי אַזאַ, נאָר צום פאָלק וואָס איז אין גלות. אָט דער שטריך איז אַ געוואַלדיק וויכטיקער פאַר אונדזער געשיכטע. ווען ניט דער שטריך וואָלט די גאַנצע געשיכטע געגאַנגען גאָר אויף אַנדערע וועגן, אין גאָר אַנדערע ריכטונגען.

קומען מיר צו דער ערשטער פראַגע: וואָס פאַר אַ פאָלק זאָל אויסוואַקסן אין מדינת ישראל? פון אָנהייב האָט מען געשטרעבט צו צוויי זאַכן: עס זאָל אויפקומען אַ פּויערים־פאָלק, און צווייטנס, עס זאָל נאָר ניט זייַן אַ פאָלק פון שטעטלשע ייִדן. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ שטאַרקער פּויערים־אידעאַל? מען האָט דאָך אים אין לידער באַזונגען; געמיינט אַז דער באַזיס פון פאָלק ישראל זאָל זייַן אָט דאָס „גליקלעכע" פּויערים־פאָלק. אָבער אין סוף נייַנצענטן יאָרהונדערט איז שוין אַ פּויערים־קלאַס ניט געווען קיין לאַנדווירטשאַפטלעכע באַדערפעניש. לאַנדווירטשאַפט האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו אינדוסטריאַליזירן. פּויערים אין מזרח־אייראָפּע זייַנען געווען מערסטנס אַ רעזולטאַט פון פאַרשקלאַפונג, פּויערים־קנעכט ביי די פּריצים. ייִדן האָבן דעם פּויערים־אידעאַל גענומען מחמת נעגאַציע צום טיפּ ייִד פון שטעטל. איז פּויערים פון דאָרף ביי ייִדן געוואָרן אַן אידעאַל. פּויערים — דער אָפּגעשטאַנענסטער עלעמענט, אָרעם, שקלאַפן, אַנאַלפאַבעטן, און דאָס איז געוואָרן דער אידעאַל!

העברעיש — חז"ל בשעתם האָבן אָנגענומען דאָס פאָלקישע לשון — אַראַמיש, אין דיסקוסיעס. אין לעבן, אין תפילות, אין אַלע ישיבות ביים לערנען — אומעטום אַראַמיש. די חז"ל האָבן ניט נעגירט דאָס פאָלק. וואָס עס איז פאָלקיש, דאָס איז ייִדישקייט! דער אָפּזאָג פון ייִדיש אין אונדזער צייט איז געווען אַ רעשטל פון אַנטי־פאָלקישקייט ווען רוסיש איז געוואָרן אויס אידעאַל מחמת די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אַנטלויפן פון פאָלק און פאָלקישקייט — דאָס מוז מען. אָבער אַז ניט רוסיש, שרייבט פּינסקער אין זייַן „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" אין דייטש. שרייבט לעוואַנדע, דער פּרוכטבאַרסטער ייִדישער שרייבער אין רוסיש, — העברעיש, און גייט אַראָפּ פון זינען. די ספרדישע הברה

— כלומרשט דערפֿאַר וואָס פֿאַרצייטן האָט מען אַזוי גערעדט. אַלע שפּראַכן האָט מען פֿאַרצייטן גערעדט אַנדערש. קיינער קומט אָבער ניט פֿאַרלאַנגען מען זאָל ענגליש ריידן ווי אין שעקספּירס צייטן, רוסיש ווי אין די צייטן פֿון „בילינע“ וכדומה. דער אמתער מאָטיוו איז געווען — נאָר ניט ווי יידן אין שטעטל נוצן אין דאַוונען און אין לערנען אין לשון קודש. אַנטלויפֿן פֿון שטעטלשן יידן. דאָס איז געווען די ירושה וואָס ציוניזם האָט געיירשנט פֿון דער השכלה.

פֿון זעלבן אַנטי־שטעטלשן מקור איז אויך דער תנכיזם. די יידישע טראַדיציע איז געווען די גמרא ניט דער תנ"ך, שוין פֿון די חז"ל אָן. דאָס האָבן זיי אָפּגעהאַקט דעם תנ"ך. נאָר פֿיר און צוואַנציק ספֿרים און ניט מער. אַרויסגענומען אַלע חשמונאים־ספֿרים. פּסוקים נאָר אין אָנהייבשולן, ניט אין ישיבות. דער לשון חכמים — זייער יענער יידיש (ארמיש בשעתם). ניט מדאורייתא נאָר דער עיקר יידישקייט איז מדרבנן — די יידישקייט פֿון זייער צייט. און אַזויאיז געגאַנגען די יידישע טראַדיציע פֿון די חז"ל אָן ביז דער השכלה און דעם ציוניזם: ניט דאָס פֿאָלקישע נאָר דאָס אַנטי־פֿאָלקישע.

אָט די אַנטי־פֿאָלקישקייט האָט שוין געבראַכט די גרעסטע סכנות אין ישראל — דעם כנעניזם מיט אַלע זיינע אָפּצווייגונגען, מיט דעם אַנטי־פֿאָלקישקייט, אַנטי־אימיגראַציע, מיט דעם האַס צו אַלץ וואָס שמעקט מיט יידיש, מיט דער נעגאַציע פֿון דער רוסישער עליה און נאָך און נאָך.

האָט נאָך אין 1911 אחד העם געשריבן וועגן דער „שלילת הגלות“ וואָס ער האָט געפֿונען אין דער ערשטער גימנאַזיע: „שלילה זו תגרור אחריה שלילות הרבה ואחריתן מי ישורנה“ (איך ציטיר אויף אויסווייניק). אָט די נעגאַציע פֿון גלותדיקע יידישקייט וועט ברענגען נאָך נעגאַציע וואָס מען קען גאָר ניט פֿאָרויסזען זייער אַנטוויקלונג. אחד העם איז זיכער ניט געווען קיין יידישיסט. דער אַנטי־פֿאָלקישער „שלילת הגלות“ האָט נאָך ניט געבראַכט אַלע פּרוכט. זיי וועלן נאָך קומען נאָך די מלחמות מיט די אַראַבער. אין אָט דעם אַנטיפֿאָלקיזם מיטן פֿאַלשן נאָמען „שלילת הגלות“, אין אים ליגן די סכנות פֿון חורבן מער ווי אין אַלע דרויסנדיקע שונאים.

די גמרא האָט שוין געוואָרנט און געלערנט: „אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שיעבוד מלכיות בלבד“ (ברכות ל"ד ב'). דער ציוניזם האָט אָבער געוואָלט גאָר אַן אַנדער יידיש פֿאָלק. צום ריכטיקן פֿאָלקישן וועג איז נאָך ווייט דער ציוניזם ניט געקומען. מען דאַרף ווינטשן דער מדינה זי זאָל אויסהאַלטן די אַלע סכנות, וואָס די שלילת הגלות האָט געבראַכט.

# לילי בערגער קריגט ליטעראַטור פּרעמיע

די וויל־באַקאַנטע יידישע שרייבערין פֿון פּאַריז האָט איצט באַקומען די פּערנאַנדאָ בענאָ ליטעראַטור פּרעמיע פֿון מעקסיקאָ פֿאַר איר ניי בוך „פֿון ווייט און פֿון נאָענט.“ דאָס בוך איז רעצענזירט געוואָרן אין פֿריערדיקן נומער „חשבון“.

אויך איר פּיעסע וועגן יאַנוש קאָרטשאַקן וואָס געפֿינט זיך אין זעלבן בוך איז איצט איבערגעזעצט געוואָרן און וועט ווארשיינלעך אויפֿגעפֿירט ווערן אין אַ ישראל טעאַטער.

לילי בערגער, אַן אָפּטע מיטאַרבעטערין אין „חשבון“, האָט זיך די פּרעמיע כשר פֿאַרדינט. מיר באַגריסן איר צו אָט דער געלעגנהייט.

רעדאַקציע

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפֿט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אניוואיטי פאנד

### איר קענט האָבן

### אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:**

אברהם שפיגעל, קאונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

---

**MR. FRED KAHAN, Execuctive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

**6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048**

***Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.***

Name..........................................................................

Address..........................................................................

City.......................................Zip Code..............................